# ליל שבת קודש פרשת בראשית ה'תשס"ו

**פרייטאג צו נאכט'ס ביי די ערשטע סעודה, האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט גיוואלדיגע מורא'דיגע דיבורים, אויפן רבינ'ס ווערטער אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' מ', וואס רעדט פון ארץ ישראל, און פון ראש השנה און פונעם צדיק, עיין שם.**

האט מוהרא"ש שליט"א אנגעהויבן – זאגט דער הייליגער רבי ז"ע, ווער עס ווייסט פון ארץ ישראל, וואס ער האט מיט איין אמת פארזוכט דעם טעם פון ארץ ישראל, ער קען דערקענען ביי איין אנדערער, צו ער איז געווען ביי א צדיק אדער נישט, און טאמער דער צדיק איז גאר א גרויסער צדיק צו נישט, צו ער איז איין ריכטיגער צדיק צו נישט, אדער צו ער איז אליין א צדיק וכו'. זעה דאס אלעס דארטן אינם רבי'נס ווערטער.

ווייטער האט מוהרא"ש שליט"א מסביר געווען, אז דער רבי אנטפעקט אונז אין די תורה דריי חשוב'ע נקודות אין יודישקייט, וואס זיי זענען נקודת ארץ ישראל, און נקודת ראש השנה, און נקודת הצדיק. און ווי די דריי זענען באהאפטן צוזאמען. וואס ער האט מיט איין אמת פארזוכט דעם טעם פון ארץ ישראל, ער קען דערקענען ביי איין אנדערער, צו ער איז געווען ביי א איין ריכטיגער צדיק אויף ראש השנה.

ווייל קדושת ארץ ישראל איז א התגלות פון השגחת השם יתברך אויף אלע פרטים פון די באשעפעניש, און אזוי ווי עס שטייט (דברים יא) תמיד עיני ה' אלקיך בה מראשית השנה ועד אחרית שנה. און אפילו אז א ודאי דער אייבישטער'ס השגחה איז אויף יעדן ארט און עס איז נשיט דא קייןליידיגע פלאץ פון איהם. אבער דער עיקר התגלות פונעם השגחה איז דאס מערסטע אין ארץ ישראל. און פון דארטן איז מתפשט אויפן גאנצע וועלט, און אזוי ווי רש"י הקדוש טייטש (דברים י"א שם), אלע לענדער פארשט ער דאך, אזוי ווי עס שטייט (איוב לח) 'להמטיר על ארץ לא איש',

נאר כביכול, איז ער נישט דורש נאר איהר. און דורך די דרישה, איז ער דורש אלע לענדער, עיין שם.

קומט אויס אז דער עיקר השגחה איז אין ארץ ישראל. און ווער ס'ווייסט א טעם פון שכל, און ער ווייסט די חשיבות פון א הייליגער שכל, ער קען שפירן א ווינדערליכער פארזוך אין קדושת ארץ ישראל. ווייל טעם פון שכל, איז דאס ענין פון עפענען די אויגן, אזוי ווי עס שטייט (בראשית ג') "ותפקחנה עיני שניהם" – און רש"י טייטש, 'על שם החכמה נאמר' [אז דאס עפענען די אויגן (ותפקחנה) איז געזאגט געווארן אויף די נאמען פון די קלוגשאפט].

און ווען א מענטש האט א הייליגע שכל, זיינע אויגן לייכטן מיט א גרויסע געוואלדיגע ליכטיגקייט, און דעמאלס קען ער דערגרייכן כביכול די ליכטיגקייט פון די בחינה וואס ווערט אנגערופן 'עיני השם', כביכול, וואס שיינען אין ארץ ישראל דאס מערסטע, א בחינה פון 'תמיד "עיני" ה' אלקיך בה'. און ער שפירט אין יעדע טריט און שריט גייענדיק אין ארץ ישראל, א זיסע ווינדערליכער ליכטגקייט.

דערפאר ווער עס קומט קיין ארץ ישראל מיט א הייליגע כוונה – זיך דערנענטערן צום בורא כל עולמים דורך קדושת ארץ ישראל, וועט ער א וודאי שפירן גאר א דערהויבענער ליכטיגקייט און זיינע אויגן וועלן לייכטן אינעם אייבישטער'ס אור וואס שיינט דארטן דאס מערסטע.

**און דאס דאזיגע דערהויבענע ליכטיגקייט, ווערט נתגלה אויך אין דער הייליגער ראש השנה. און אזוי ווי עס ווערט דערמאנט אינעם אויבנדערמאנטע פסוק – 'תמיד עיני ה' אלקיך בה "מראשית השנה" ועד אחרית שנה', מראשית השנה דייקא. ווייל דעמאלס טועהן מיר קעניגן דער בורא כל עולמים אויף די גאנצע באשעפעניש. און מען נעמט אויף זיך זיין עול מלכות, למצוא אלקותו יתברך בכל פרטי חיינו כל השנה כולה, וואס דאס איזו ואס מען שרייט דעמאלס 'המלך', 'המלך הקדוש', 'המלך המשפט' וכו'. ווייל דעמאלס אונעם ערשטן טאג פון יאר, ווערן מיר**

דערוועקט צום בורא כל עולמים מיט א גאנצע תשובה, און מיר גלוסטן זיך אנקלעבן אין איהם מיט איין אמת, און טרעפן דאס דערהויבענע השגחה וואס איז דא אין יעדער פרט פון אונזערע לעבן, און אזוי ווי מען זעהט בחוש אז אלע יודן ווערן נתעורר אינעם הייליגע טעג פון ראש השנה, און בפרט בשעת תקיעת שופר, און זיי נעמען זיך אינטער אלע מיני קבלות טובות זיך אומקערן מיט א תשובה שלימה צום בורא כל עולמים, און דורך דעם ווערן געעפענט די 'אור החכמה', זעהן דעם אייבישטער'ס השגחה אין יעדער זאך, וואס דאס איז דער ענין פונעם אויבדערמאנטע קדושת ארץ ישראל, קומט אוים אז קדושת ארץ ישראל מיט קדושת ראש השנה זענען אייניג.

און ווי אזוי איז מען זוכה צו דערגרייכן די הייליגע השגות? דאס איז דורך דער צדיק, ווייל דער צדיק עפענט דעם מענטש'נ'ס אויגן צו זעהן און צו פארשטיין דער געטליכע ליכטיגקייט, און גליסטן צום אמת'ע דביקות הבורא, און נישט פארשלאפן די טעג מיט די יארן מיט פוסטע שטותים.

ווייל דער צדיק וועקט יעדער פון זיין טיפע שלאף, און ער איז איהם מעורר אותו זיך אום קערן און זיך מדבק צו זיין אינעם בורא כל עולמים, ווייל עס איז פארהאנען מענטשן וואס פארשלאפן זייערע זיבציג יאר, און דער באשעפער האט גארנישט קיין פארגעניגן פון זייערע עבודה (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ס'), ווייל זיי הערן נישט דער קול פון דער צדיק, דערפאר בלייבן זיי אין זייערע טיפע שלאף, און זיי רעדן נישט צום בורא כל עולמים פונעם טיפע הארץ מפנימיות הלב, און זיי האבן קיין הרגשה נישט אין שכל דקדושה, און אזוי ווי חז"ל הקדושים זאגן (תרומות פרק א') סתם חרש אינו שומע ואינו מדבר. ווייל ער הערט נישט דאס צדיק'ס רייד, דערפאר רידט ער נישט צום אייבישטער, און ער איז נחשב אזוי ווי א שוטה און א קטן, וואס קענען נישט האבן א קלארע איידעלע ווישענשאפט, אבער תיכף ווען א מענטש ווערט

breslevcity.co.il

מקורב צו א צדיק, דער צדיק דערוועקט איהם פון שלאף, און ער מאכט איהם אויף זיינע שכל'דיגע אויגן אריינצוקוקן אינעם חכמה אלוקית, און דעמאלט הייבט ער אן משיג צו זיין דער אור ההשגחה, וואס דאס איז קדושת ארץ ישראל, און אויך דער גרויסער ענין פון ראש השנה הקדוש, וואס ער איז דער טאג פון קבלת עול מלכותו יתברך, ווייל די דריי זענען בייהאפטן און מקושר צוזאמען, ארץ ישראל, ראש השנה, מיט דער צדיק, און דער וואס פארזוכט זייערע טעם, איז זוכה ממש צו די תענוגים פון גן עדן.

און דאס אלעס זעהט מען בחוש ביים הייליגן רבינ'ס ציון אין שטאט אומאן ביי די הייליגע ראש השנה טעג, ווייל עס ווערן פארזאמלט דארטן צעהנליגע טויזנטע אידישע נשמות ישראל, ממש פון די גאנצע וועלט, און אלע זענען מקבל אויף זיך מיט ליבשאפט דאס עול מלכות שמים, און ווערן נתעורר מיט א געוואלדיגע התעוררות און מיט הייליגע בענקשאפטן און געוויין צום בורא כל עולמים, וואס אזוינס האט מען קיינמאל גאר נישט געהערט אפילו אמאליגע צייטן. און א דאנק גאט דער הייליגער קיבוץ ווערט פארמערט יעדער יאר, און יעדער וואס געפינט זיך דארט שפירט ממש א קדושה פון ארץ ישראל, און כאילו ער שטייט אויף אדמת קודש ממש, און זעהט די התגלות מלכות ה', ממש מיט זיינע אייגענע אויגן.

ווייל דער רבי, ער איז דער צדיק האמת וועלכער איז מעורר דעם מענטש פונעם שלאף, און עפענט זיינע אויגן צו זעהן געטליכקייט, און יעדער וועלכע איז נכלל אינעם הייליגן קיבוץ אין שטאט אומאן, ווערט נתעלה מיט גאר א גרויסע דערהויבענקייט, און עס בלייבט ביי איהם איבער א הייליגער רושם אויף א גאנצע יאר, און אזוי ווי דער הייליגער רבי האט צו געזאגט אז דער וואס וועט אנקומען אויף זיין הייליגן ציון און וועט זאגן די צעהן קאפיטלעך תהלים וואס ווערן אנגערופן תיקון הכללי, וועט דער רבי איהם ארויס נעמען

breslevcity.co.il

פון שאול תחתיות, און ער וועט איהם מאכן א אייביגע טובה. און ער וועט פאריכטן זיין זעהל מיט א גאנצער תיקון, און ב'הויפט ראש השנה.

וואויל איז דער וואס איז זוכה זיך מיטכאפן און ווערן אריין גערעכנט אינעם הייליגען רבינ'ס קיבוץ אין שטאט אומאן אויף ראש השנה, דעמאלס וועט ער זוכה זיין צו די אלע וואונדערליכע תיקונים וואס ווערן דעמאלס געמאכט, עולמו יראה בחייו [זיין וועלט וועט ער זעהן אין זיין לעבן], לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו [זעהן דעם אייבישטער'ס זיסקייט און באזוכן אין זיין פאלאץ], אשרי לו ואשרי חלקו.

און מוהרא"ש שליט"א האט מקשר געווען דאס דאזיגע ענין צו די וואכעדיגע סדרא.

דער הייליגער תורה פאנגט אן מיט דאס ווארט "בראשית", און עס שטייט אין תיקוני זוהר (תיקון ג') אז "בראשית" איז א צירוף פון די אותיות "ראש בית" [דער הויפט פון דעם שטוב] דאס הייסט דער צדיק האמת, וואס ער איז אזוי ווי דער 'ראש בית' פון דער וועלט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' סז), און ווען דער וועלט האט א גוטער ראש בית, וואס באקוקט און באטראכט גוט אויף אלע באדארפענישן פונעם שטוב, איז זייער גוט פארן לייט פונעם שטוב. אזוי ווי אין גשמיות, ווען עס געפינט זיך א גוטע בעל הבית, וואס געבט אכטונג אויף אלעז אכן וואס דאס שטוב ברויכט, צו קויפן און צו פאריכטן וכו'. איז גוט פאר אלע איינוואוינער'ס פון שטוב, און זענען נישט פארהאנען שפאלטענעס אין לעבער אין דעם דאך און אין די ווענט. און דאס רעגן מיטן שניי גייען נישט אין שטוב אריין. אזוי איז אויך אין רוחניות, ווען עס איז דא איין אמת'ן צדיק א גוטע בעל הבית, וואס געבט אכטונג אויף אלע באדארפענישן פון דער וועלט, איז זייער גוט פאר דאס מענטשהייט און זיי האבן אלעם וואס זיי דארפן.

breslevcity.co.il

דערפאר און די אנפאנג פון די באשעפעניש, וואס דאס איז "בראשית", האט דער בורא כל עולמים צוגעגרייט א "ראש בית" וואס ער איז דער צדיק האמת, משגיח צו זיין אויף אלע צרכי הבית, כדי צו צו העלפן צו די אלע וואס וואוינען אין שטוב, וואס די זענען די וועלטליכע לייט, זיי זאל האבן אלעם וואס זיי באדארפן כל זמן ווען זיי זענען אין שטוב.

און דאס ווערט געמאכט דאס מערסטע אין די הייליגע טעג פון ראש השנה וואס זיי זענען "בראשית" השנה, ווייל דעמאלם ווערן אלע נתקבץ ביי דער ראש בית, אנצונעמען פון איהם זיינע ווינדערליכע תיקונים, דערפאר "בראשית ברא" באטרעפט "בראש השנה נברא" העולם (אזוי ווי עס שטייט אין בעל הטורים), ווייל דעמאלם איז דער צייט מסוגל מקבל זיין די תיקונים פון דער "ראש בית", און עס ווערט נתגלה פאר יעדער קדושת ארץ ישראל, וואס דאס איז אויך דער ענין פון "בראשית", און אזוי ווי עס ווערט געברענגט אינעם ערשטער שטיקל רש"י פון די תורה: 'אמר רבי יצחק, לא היה צריך להתחיל את התורה אלא מהחודש הזה לכם וכו', ומה טעם פתח בבראשית, משום כח מעשיו הגיד לעמו לתת להם נחלת גוים, שאם יאמרו אומות העולם לישראל, ליסטים אתם, שכבשתם את ארץ ישראל, הם אומרים להם, כל הארץ של הקדוש ברוך הוא היא, הוא בראה וכו' והוא נתנה לנו', עיין שם.

קומט אוים, אז מיט דער כח פון "בראשית" ירש'נען מיר די קדושה פון ארץ ישראל. איז געדרונגען אז די אלע דריי נקודות זענען נכלל אינעם ווארט "בראשית": דער צדיק, דער ראש השנה, און ארץ ישראל. און אין דער כוח פון די דריי איז מען זוכה צו מקבל זיין די גאנצע תורה, וואס דאס איז דער המשך פון "בראשית".

און דער אייבישטער וועט אונז מזכה זיין מקורב צו זיין צו צדיקים אמיתיים, און זיין ביי זיי אויף ראש השנה. און דורך דעם וועלן מיר ממשיך זיין אויף זיך קדושת ארץ ישראל, און אינטערטעניגן די אלע וואס פארמאדען אונז פון ארץ ישראל, און מיר וועלן זוכה זיין צו זעהן מיט אונזער פליישיגע אויגן דאס התגלות פון מלך המשיח, במהרה בימינו אמן ואמן.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית